שמע ישראל ה' אלקינו ה' "אחד"

קונטרס

# דורשי יחודך

שיחות ומאמרים
מאת
הגה"צ רבי **יעקב מאיר שעכטער** שליט"א

מאמר
**'ולאחיו יאמר חזק'**

**אידיש**

מועתק מלשונו הזהב

**מאמר ז'**
חודש תמוז שנת תשפ"ב לפ"ק

לשמיעת המאמר מפי מורינו הגה"צ שליט"א, ולהערות והארות

**קול דורשי יחודך**

**718-586-5199**

בא"י 0765997840

~ ~ ~

ניתן לקבל מידי חודש הקונטרס באימעל: dyyms12@gmail.com

וכן ניתן לקבל את הקונטרס דרך הדואר, במחיר חודשי של 20$ עבור הוצאת עריכת הקונטרסים

נא להשאיר הודעה בקול דורשי יחודך נומער 9

~ ~ ~

נעשה בפיקוח "**מוסדות קרן אור**" – בנשיאת מורינו הגה"צ שליט"א

נסדר לדפוס ע"י:

ישר

Publishing & Production

718.484.2189

# תוכן המאמר


דרך ארץ קדמה לתורה ........................................ א

קלענער פון א באָנדל ........................................ ג

זיך דורכגערעדט מיט דאס קליין אינגל ........................................ ה

געווארן א מחלל שבת רח"ל ........................................ ח

איין גוטווארט! ........................................ י

גענומען רשות פון משה רבינו ........................................ יא

ראטעווען א מענטש לעולמים! ........................................ יד

אוואו איז דער טעם פון לעבן? ........................................ יד

הנאה געהאט פון א גלאז טיי... ........................................ טז

די סטראטעגיע פון דעם היינטיגן בעל דבר ........................................ יח

ווער נעמט מיר צו דאס געזונט?! ........................................ כ

# מאמר ז'

# ולאחיו יאמר חזק

## דרך ארץ קדמה לתורה

**ה' שפתי תפתח ופי יגיד תהילתך!** ברשות רבותי, חבריי וידידיי! איך וויל אייך זאגן: 'מה יקר' די דיבורים וואס ר' חיים בנימין[א] האט פריער גערעדט. עס איז כמעט אמאל אן ענין אז עס לוינט אפילו נישט צו הערן פון אן אנדערן נושא כדי עס זאל בלייבן דער טעם פון די פריערדיגע דיבורים וואס ער האט גערעדט פון מידות, **וואס רבי חיים וויטאל זאגט**[ב] **אז דאס איז דער שורש התורה!** - איז וואס דארף מען מער?!

די הייליגע משנה[ג] זאגט - (כאטש) עס איז דא זאכן וואס **'שכר מצוה בהאי עלמא ליכא'** - עם-כל-זה, די מצוות פון מידות און גמילות חסדים - (וואס דאס) איז דאך כולל אלע מיני טובות וואס

---

**א.** הרה"ח ר' חיים בנימין ווערטהיימער שליט"א. מראשי החבורות בקהילת "קרן אור" בראשות מורינו שליט"א.

**ב.** ע' בספרו הקדוש "שערי קדושה" חלק א', שער ב': "והנה ענין המידות הן מוטבעות באדם בנפש השפילה הנקראת יסודית הכלולה מארבע בחינות, הדומם והצומחת והבהמית והמדברת. כי גם הן מורכבות מטוב ורע, והנה בנפש הזה תלויות המידות הטובות והרעות והן כסא ויסוד ושורש אל הנפש העליונה השכלית אשר בה תלויין תרי"ג מצוות התורה כנ"ל בשער ראשון. **ולפיכך אין המידות מכלל התרי"ג מצות, ואמנם הן הכנות עקריות אל תרי"ג המצות בקיומן או בביטולם**, יען כי אין כוח בנפש השכלית לקיים המצות על ידי תרי"ג איברי הגוף אלא באמצעות נפש היסודית המחוברת אל הגוף עצמו בסוד (ויקרא י"ז י"ד) כי נפש כל בשר דמ"ו בנפשו הוא, ולפיכך ענין המידות הרעות קשים מן העבירות עצמן מאד מאד".

**ג.** פאה א, א.

מען טוהט א מענטשן: אז מען איז מחזק א מענטשן, מען איז מחיה א מענטשן, (מען איז) מעודד (אדער) מרומם איינעם - עס איז אזא מצוה! עס איז א געוואלדיגע מצוה! מען קען אמאל ראטעווען א מענטש לעולמים מיט דעם. - צו עס איז די מצוה פון 'הבאת שלום' און 'גמילות חסדים'.

און אפילו 'הלוית המת' וואס מען זאל נישט וויסן פון קיין צרות - עס איז אויך אן ענין וואס מען איז מכבד א מענטשן, מען ווייזט דעם מענטש: דו גייסט אוועק אויף א ווייטער וועג - עס איז 'קשה עלי פרידתכם' - מען באגלייט אים! (דאס איז) די חשיבות פון אהבת הבריות. און דאס איז פון די מצוות וואס "**אדם אוכל פירותיהן בעולם הזה**" - אפילו 'שכר מצוה בהאי עלמא ליכא', "**והקרן קיימת לעולם הבא**" - די גרויסקייט פון די מצוה!

און מען איז משפיע אויף זיך אליין אזוי פיל חסד, אזוי פיל חסד! אז איינער מאכט אין כעס דעם אנדערן, און דער אנדערער איז עס מקבל באהבה און ער איז אים מוותר, ער איז אים דן לכף זכות - אפשר פילט ער זיך נישט גוט, צו אפילו אָן א 'פארוואס' (נאר ווייל) מען דארף, דאן אפילו אויב עס איז דא אויף אים א גזר דין למעלה, צערייסט מען דאס![ד]

איך זאג אלעמאל איבער, עס איז מיר אמאל איינגעפאלן - עס איז דא א "שפת אמת"[ה] - דער זוהר הקדוש זאגט[ו]: "אז דער

ד. עיין בספר אוסף מכתבים (חלק ד' מכתב רמ"ה) וז"ל: החיד"א אומר, שנמנו וגמרו גם האר"י וגם הרמ"ק, **שלקבל בזיון באהבה הוא גדול יותר מאלפים ורבבות תעניות וסיגופים**, וששמע על זה בדיחותא על המשנה בסוף קידושין (פ"ב ע"א) '**טוב שברופאים לגיהנום**', שזה עולה על רופאי הנפשות, והיינו מי הוא הרופא היותר גדול לתיקון הנפש, הלא זה הוא מי שמבייש את חבירו והוא שותק, שהביא את חבירו לתכלית התיקון, (ורבינו כתב שזה עיקר התשובה) אעפ"כ ה'רופא' המבייש הולך לגיהנום, כי '**המלבין פני חבירו ברבים יורד לגיהנום ואינו עולה**' (ב"מ נ"ח ע"ב).

ה. עי' בספה"ק "שפת אמת" פרשת ראה [תרל"א].

ו. ח"א קד ע"א, וזל"ש: "דתנינן **בשעתא דקודשא בריך הוא רחים ליה לבר נש,**

אויבערשטער וויל רחמנות (האבן) אויף א מענטשן, שיקט ער אים אַן ארימאן - און אז ער האט רחמנות אויף דעם ארימאן איז ער דאך מעורר רחמים, האט דער אויבערשטער רחמנות אויף אים".

זאגט ער: עס איז נישט נאר דווקא אן ארימאן, עס איז אמאל דא א גזר דין אויף א מענטשן - קטרוגים אויף א מענטשן, שיקט אים דער אויבערשטער א נודניק וואס ער פייניגט אים, און ער איז עס מקבל באהבה אלס כפרת עוונות: 'לאז אפ, איך ווייס, לאמיר נישט טראכטן!' - האט דער אויבערשטער צעריסן א גזר דין אויף אים! **ער טוט עס צו יענעם - ער איז מוותר יענעם, און דער אויבערשטער איז 'אים' מוותר טויזנט מאל אזוי פיל!**

## קלענער פון א באָנדל

דאס ענין פון מידות איז ממש הפלא ופלא. איך האב געהערט פון איינעם א תלמיד חכם - א מורא'דיגע זאך, ער האט מיר נישט גראד געוויזן דעם מקור, אבער א גרויסער בקי: אז ווי גרויס משה רבינו איז געווען - וואס ער איז געווען **'בחיר האנושי'**, ווען עס וואלט געווען ביי אידן א גרעסערן עניו ווי משה - אפילו ער וואלט נישט געווען בדרגת משה אין אנדערע זאכן אבער ער וואלט געווען א גרעסערער עניו ווי משה'ן, וואלט דער אויבערשטער דורך יענעם געגעבן די תורה, ווייל עניוות דאס איז דער יסוד המידות.

איך האב געזען אמאל א מאמר החכם[ז], ער ברענגט אראפ: **"איך האב נאכנישט געטראפן אזא ידיד ווי עניוות"!** אלע ישועות איז מען

---

**משדר ליה דורונא, ומאן איהו? מסכנא! בגין דיזכי ביה.** וכיון דזכי ביה, איהו אמשיך עליה חד חוטא דחסד דאתמשך מסטר ימינא ופריש ארישיה ורשים ליה" וכו', עיי"ש. גם עיי"ש בח"ב קצ"ח ע"א.

ז. עי' מבחר הפנינים שער הענוה.

ממשיך, אלע המתקות! און די זעלבע זאך פארקערט: גאוה - אלע צרות האט מען פון גאוה. [ח]

ליידער דער דעת פון דעם בעל דבר איז פארקערט ווי דער אמת ברוחניות און פארקערט ווי דער אמת בגשמיות: אז גאוה לויפט מען נאך, און [אויף] ענווה דארף מען זיך שלאגן מיט זיך... **אבער דאס איז די בעסטע זאך, סיי ברוחניות און סיי בגשמיות!** [ט]

דער רבי ר' זושא זאגט - ביי מכת כינים האבן די חרטומים געזאגט אז עס איז אן "אצבע אלוקים". פארוואס? ווייל א שד קען נישט שולט זיין אויף א בריה הפחות משעורה. זאגט דער רבי ר' זושא: אז כל זמן א מענטש האלט זיך נאך גרעסער ווי א 'שעורה' קענען נאך די שדים שולט זיין אויף אים, האלט ער זיך שוין קלענער פון א שעורה קען קיינער נישט שולט זיין אויף אים! נישטא קיין קטרוג - אלע קטרוגים זיינען בטל, אזא כוח האט ענוות! [י]

על-כל-פנים, איך האב געוואלט רעדן אן אנדער סארט דיבור, אבער שוין. מען טאר דאס נישט פארגעסן די זאך, ווייל עס איז א

---

**ח.** עיין מה שמורינו שליט"א מבקש במכתב (אוסף מכתבים חלק א' מכתב ל"ה) וז"ל: ועוד טובה אבקש ממך, שלא לכתוב לי בלשון "מורינו", וכן למעט בתוארים, כי כח הגאוה - שזה רע ושקר וטעות מוחלט, יש לה כח להתגבר ולהתעורר גם מכל דבר שקר וטעות, ודי לי שאעמוד בשלי, שיש על המידה רעה זו של גאוה ותאוות הכבוד עבודה וזיכוך כל הימים עלי חלד, ואין היצר הרע שלי צריך סיוע. וכן תבקש מכל החברים היקרים שיחיו. ושלום ואהבה רבה לכולכם.

**ט.** עיין בספר 'כדת נפש משיבת' (מאמר דרך ארץ קדמה לתורה) וז"ל: כל ימי האדם עלי אדמות צריך הוא לעמול על ההתרחקות ממדת הגאוה, כמבואר בספר נופת צופים בשם הרה"ק רבי פנחס מקאריץ זי"ע, **דהאדם נברא בעולם לתכלית זה שיראה כל ימיו להשגיח איך להנצל מגאוה,** וכן מובא משמו בספר פאר לישרים, בזה"ל: היה מרגלא בפומיה [של הרה"ק הנ"ל]: **כמו שרוצים לחיות כן צריכים לחפוץ להיות קטן מן הכל,** ע"כ.

**י.** עי' בספה"ק "צמח צדיק" - לט"ו בשבט: **"אם האדם הוא בעיניו בחי' אַיִן, אין הכישוף יכול לשלוט בו,** כמו שפירש"י גבי מכת הכינים (שם ח, יד) שאין הכישוף יכול לשלוט בבריה פחותה מכשעורה".

געוואלד, א געוואלד! **דער ענין איז אויך כמעט א גרויסער חלק פון ראטעווען מענטשן לעולמים - אז זיך צו האלטן מיטן אויבערשטן כסדר איז אויך תלוי אין מידות!**

## זיך דורכגערעדט מיט דאס קליין אינגל

איך בין אמאל געווען אין חיפה, איך געדענק שוין נישט פארוואס איך בין דארט געווען, איך בין איינגעשטאנען ביי א איד, ער איז געווען א ווייטער קרוב אונזערער, א חיפה'ער איד, אבער למעשה האט ער געפירט א אידישער שטוב - געשיקט די קינדער אין ישיבות - און אלעס, ער האט א אידישן דור ממש. אין יענע תקופה - א איד פון חיפה - אלע קינדער זענען געווארן גארנישט גארנישט. אבער דער איד האט געהאט א אידישן דור, און אליין האט ער (דאס אויפ)געהאלטן.

האט ער מיר געזאגט א פלא'דיגע זאך: פון וואנעט איז זיין גאנצער אידישקייט וואס ער איז געבליבן א איד? אין יענע תקופה איז געווען - די סטרא אחרא האט אזויפיל געארבעט אז מען ווייסט גארנישט. האט ער מיר פארציילט א זאך - עס איז נאך געווען דעמאלט בשעת וואס אגודת ישראל איז געשטאנען אונטער צדיקי הדור און גדולי הדור. רבי משה בלויא[יא] איז געקומען אין בראנאוויטש, און ער (הקרוב) האט געלערנט דארט. האט ער געדארפט עפעס מאכן א חשוב'ע אסיפה פון רבנים – פון 'ליטווישע רבנים' ווייזט אויס, עס

**יא.** ה"ה **הרב משה אורי** ב"ר שלמה יצחק **בלויא זצ"ל**, נולד י"ט כסלו שנת תרמ"ו בירושלים עיה"ק תובב"א, היה האח הגדול להלוחם מלחמות ה' הרה"צ רבי עמרם בלויא זצ"ל, נישא לבת דודו הרה"ג ר' יעקב אורנשטיין זצ"ל ראש ישיבת אהל משה, היה תלמיד ותיק אצל הגה"ק רבי יוסף חיים זוננפעלד זצ"ל גאב"ד ירושלים, וגם שימש לתקופה למנהל העדה החרדית, ומשנת תרפ"ד שימש כיו"ר של אגודת ישראל, הרה"ק מסאטמאר זצ"ל התבטא עליו "שהיה נפש נקי וצדיק בשלימות", מורינו שליט"א נשא בת אחיו הרב אברהם ברוך בלויא ז"ל, בשנת תש"ו חלה על הספינה כשהיה בנסיעה לחוץ לארץ, והורד לבית החולים במעסינע שבאיטליה, ונפטר ח' בסיון שנת תש"ו לפ"ק, ומנו"כ בהר הזיתים בירושלים עיה"ק תובב"א.

איז געווען דארטן אביסל חסידישע רבי'ס אויך, אבער ער האט געדארפט מאכן דארט א חשוב'ע אסיפה.

האט מען אים געגעבן א אינגל ער זאל אים פירן. געווענטליך וואספארא אינגל גיבט מען אים ער זאל ארומגיין אפאר וואכן? א אינגל וואס ער האלט נישט ביים לערנען, בפשטות. ער (הקרוב) איז געווען אלט דרייצן יאר, און ער איז געגאנגען מיט אים - ער האט אים געפירט, ער האט אים ממלא געווען אלע שליחות, ער האט אים באדינט, פשוט. איז געווענטליך (- כמובן) האט ער געזען וואס דא גייט פאר - דער אינגל, ער האט געכאפט וואס (גייט פאר).

(איינמאל) איז ער געשטאנען אין עפעס א 'מבוי סתום' - און ער האט נישט געוואוסט וואס צו טוהן, (ווייל אויב ער וועט) מאכן די אסיפה עפעס אין דעם טאג - וועט 'דער' רבי נישט זיין, וועט 'דער' רב נישט זיין, 'דעם' פלאץ, 'דעם' חסרון - ער ווייסט נישט וואס (צו טוהן), ער איז געשטאנען אין א מבוכה (- פארלעגנהייט). דעמאלטס איז ער דאך געווען א גרויסער 'נואם' און א שטארקער מכובד - בפרט ווען ער איז געקומען קיין ארץ ישראל, ער איז געווען דער ראש פון 'אגודת ישראל'.

- איז רבי משה האט נישט געוואוסט וואס צו טוהן, איז ער אריין מיט אים אין א שול, און ער האט אים דערציילט אלעס - אלע פרטי ספיקות וואס ער האט דא - און ער האט אים געזאגט: "וואס זאגסטו מיר? וואס ביסטו מיר מייעץ?!" ער זאגט מיר, ער איז שיעור אראפגעפאלן פון בענקל: "רבי משה בלויא! 'ער' פרעגט 'מיר'?! דא נעמט אים יעדער רב אויף מיט אזא מין כבוד, און ער איז בכלל געווען אן איש מכובד, א תלמיד חכם און א בר דעת - א חכם געווען, און דא פרעגט ער מיר אן עצה? ער רעדט זיך דורך מיט מיר!"...

זאגט ער מיר, ער האט געזעהן א שפלות פון א מענטשן, א מידה פון א מענטשן. דאס הייסט, דער גאנצער כבוד וואס מען גיבט אים איז וויבאלד ער האלט זיך נישט גרויס. זאגט ער: "**ער האט מיר**

**אפגעקויפט לעולמים, איך בין געבליבן א איד**, און אוואו עס איז געווען א פעולה פון 'אגודה' האב איך באלד צוגעלייגט א האנט, ביז ווען איך בין נסתבב געווארן נאך די מלחמה דארטן אין חיפה - איך בין געקומען קיין חיפה. און ווען ער פלעגט קומען אין חיפה וועגן אידישקייט זאכן און וועגן חינוך זאכן - האב איך אים אריינגענומען, איך האב אים מכבד געווען. וואס קען איך דיר זאגן? דאס וואס איך בין געבליבן א איד און איך האב א שיינעם דור איז **אלעס פון דער עניוות פון דעם מענטש וואס ער האט מכבד געווען א קינד**".

איך וועל אייך דערציילן א מעשה וואס איינער האט מיר דערציילט פון די משפחה: זיין טאטע (של הקרוב הנ"ל) איז אמאל געווען אין בראנאוויטש, און ער (הקרוב הנ"ל) האט נישט געוואלט לערנען אין ישיבה, ער האט געוואלט אז זיין טאטע זאל אים אריינלייגן אין אן אנדערע ישיבה. עס איז געווען אן ארימע ישיבה און ער האט נישט געוואוסט וואס - - איז ער נאכגעלאפן זיין טאטן ביים באן ער זאל אים מיטנעמען - ער וויל נישט דא לערנען. ווי האט אים זיין טאטע געזאגט? "ווארף דיך אריין אין טייך" - אזוי האט ער אים געזאגט, און ער איז אוועקגעפארן...

- ווארף דיך אריין אין טייך; זיין טאטע האט געהאט אייזערנע נערוון... פארשטייסט?

אין אזא מצב איז ער געווען, און ווען נישט (ההארת פנים של ר' משה – נתאבד לגמרי!). און אזוי איז מען נעבעך אוועקגעפאלן אזוי ווי פליגן - און ער איז געבליבן א איד! איבערגעלאזט א דור פון תלמידי חכמים פון פיינע איידעמער, פון פיינע זין.

דאס איז א פלא פון א מידה - א פלא וואס א מידה קען אויפטוהן, **און דאס קען יעדער איינער, יעדער!** [יב]

---

**יב.** עיין בספר אוסף מכתבים (חלק ד' מכתב רמ"ה) וז"ל: זכורני בנערותי שפעם בחורף הלכתי בנעליים קרועות, ובאותה עת ישנתי אצל ר' אפרמ'ל (כי למדתי אז בישיבת סלונים

## געווארן א מחלל שבת רח"ל

עס איז געוועגן ביי מיר, אפשר פאר צוויי יאר צוריק, צו פאר דריי יאר צוריק, א בחור, ער האט שוין מחלל שבת געוועגן, ער איז געוועגן א בן גרושים, פון א צובראכענע שטוב פון אמעריקע. ער האט געוואוינט דא - און די עלטערן אין אמעריקע - עס איז געוועגן א צובראכענע שטוב. ער האט געלערנט אין א חשוב'ע ישיבה - און ער איז קאליע געווארן, ער איז געווארן נעבעך א מחלל שבת.

ער איז געקומען צו מיר, איך ווייס נישט צו ער איז געוועגן צובראכן וועגן חילול שבת, צו ער איז געוועגן (צובראכן מאיזה סיבה אחרת). ער איז ארייגעפאלן אין א גרויסע זוהמא און ער איז געוועגן זייער שטארק צובראכן. ער האט מיר געזאגט – דער איד - -

[מען זעהט וואס הייסט, אז מצד אחד דארף א מענטש אנטלויפן פון גאוה און פון כבוד. און פון דער צווייטער זייט - מכבד זיין את הבריות: מכבד זיין יענעם, מעודד זיין יענעם -

---

בבית ישראל בסמוך לביתו). אח"כ זכיתי שיקנו לי נעליים חדשות. אני זוכר כמה שמחה היתה לר' אפרימ'ל מזה, **אה**, אמר בשמחה "**יענקאלע האט שוין נייע שיך**", והוסיף לומר לי שהוא מכיר שהעור של הנעליים הוא טוב, ולפי השערתי שמח בנעליים שלי בשמחה דקדושה הרבה יותר ממני, והיה שואל אותי אם חם לי ברגלי על ידי הנעליים הטובים הללו.

וזה תמוה מאד איך שצדיק כזה – היה אחיד לעילא ולתתא, כי היה איש קדוש ועסק תמיד בתורה ובתפילה והיה בקי בש"ס ופוסקים בלי גוזמא, וגם עסק תמיד בליקוטי מוהר"ן בהתמדה רבה, כמו שראינו בעינינו. אשרי עין ראתה זאת, וזכותו יגן עלינו ועל כל ישראל.

ואמנם המידה הטובה הזאת, לשמוח בטובת הזולת, נמצאת בכל אחד מישראל, כי הלא בני איש אחד נחנו, אולם הרע והקליפות הם שמפרידים. **ועל ידי שזוכים להכניע ולהפריד את הרע על ידי תורה ותפילה וקדושה, כל אחד לפי בחינתו, כן נתגלה הטוב והאחדות לכל נפש מנפשות זרע ישראל, ובפרט אם שמים לב במיוחד על המידה הזאת לזכות לטוב עין דקדושה – כמה ברכות נשפע על ידי זה, כמו שכתוב** (משלי כ"ב ט') **"טוב עין הוא יבורך".**

דאס איז דער דעת תורה! חז"ל זאגן אז דאס איז דעת הבורא: אז איין דארף א מענטש אנטלויפן פון כבוד, און מקבל זיין בזיונות באהבה, און מיט דעם וואשט מען זיך אפ 'משערות ראשו עד ציפורני רגליו' אלע עוונות, אלע עוונות! **מוחלין לו על כל עוונותיו!** - דאס איז ביי דיר! (אבער) ביי יענעם - **מכבד זיין! מרומם זיין! האלטן פון יענעם! האלט פון יענעם מער ווי ער איז, ביז ער וועט זיין אזוי - און ביז ער וועט דאס ווערד זיין! דאס איז דער דעת תורה!**]

- איז א מורא'דיגע זאך: דער אינגל האט מיר דערציילט: איך האב געלערנט אין א ישיבה - א חשובע ישיבה, אבער איך בין פארט געווען א בן גרושים. ער האט נישט געהאט ווער עס זאל האלטן פון אים, ווער עס זאל אים מחשיב זיין. און ער האט זיך ארויסגעכאפט אזוי רעדנדיג - פארוואס ער איז געקומען, ער האט נאך געהאלטן ביים מחלל שבת זיין ווען ער איז געקומען צו מיר, איך ווייס נישט וואו ער האלט היינט.

- איינער האט געכאפט אז א הארץ האט ער, האט ער אנגעהויבן זיך צו חבר'ן מיט אים און רעדן מיט אים, און ער האט אים געלאזט גיין בדרכו. האט ער געמאכט ער זאל ארויפקומען צו מיר איינמאל. אן אינטערעסאנטע זאך, ער האט מיר געזאגט: "דו מוזט מיר גלייבן, אין די ישיבה אוואו איך האב געלערנט - אז איינער וואלט מיר עפעס מער מכבד געווען, ווען איינער וואלט געהאלטן פון מיר, וואלט איך נישט געקומען צו אזא מצב ווי איך בין יעצט!" - אזוי האט ער מיר געזאגט. ער האט מיר געגעבן א דוגמא: "ווען מען מאכט מיר דארטן א משגיח אויף אינגלעך - אויף עפעס, עפעס" - אט דאס האט אים געפעלט.

- א פלא'דיגע זאך: "איך וואלט נישט געקומען אוואו איך בין שוין"! **דא זעהט מען - וואס הייסט מען קען ראטעווען א מענטשן מיט א גוט ווארט!**

**איין גוט ווארט!**

דער רבי האט געזאגט - ר' יונה (לעבל)[יג] פלעגט עס אלעמאל איבערזאגן: דער רבי האט געזאגט[יד]: ווען דעם אליין לוינט צו זיין פרייליך, ווייל עס דא מענטשן וואס זענען 'מלא יסורים', קומט אמאל א מענטש מיט א פרייליכן פנים - ער זאגט א פרייליכן 'גוט מארגן', און כל-שכן ווען ער זאגט נאך דעם א גוט ווארט. האט דער רבי אויסגעפירט: **א קלייניקייט צו מחיה זיין א אידן**?! - דער רבי האט געוואוסט וואס דאס איז.

אזוי ווי א מענטש איז אמאל אין א מצודה, ער קען נישט ארויסגיין מצד וואס די סטרא אחרא, דער בעל דבר, האט אים ארומגערינגלט. און אמאל איז דא אויך - עס איז אויך דער בעל דבר, אבער פשוט די מעברים, די עצבות, די מרה שחורה, די נערוון, דאס לאזט אים נישט דינען דעם אויבערשטן.

דערפאר טאקע, ביי אונז חסידים האט דער בעל שם אריינגעשיינט דער ענין פון שמחה - פון זינגען צוזאמען, זינגען, ארויסגעבן דאס

**יג.** ה"ה **הרה"ח רבי יונה** ב"ר חיים משה נחמי' **לעבל זצ"ל**, אמו היתה בתו של גאב"ד העיר העתיקה הגה"צ רבי ישראל זאב מינצבערג זצ"ל, היה עובד ה' באמת, ומיחידי הסגולה בעבודתו באמונה ובשמחה, ובכל מקום בואו הביא עמו מצב של שמחה והרחבת הדעת, הרבה הסתופף בצל ציון הרשב"י, והקים ויסד שם הכנסת אורחים בשנות הרעב, שימש כבעל תוקע ר"ה אצל הקיבוץ של אנ"ש במירון, הרבה עסק בשדה החינוך ופעל בו נפלאות, ומורינו שליט"א יבלחט"א היה ידיד נפשו, והרבה מביא במאמריו ובמכתביו דמותו ודבריו של רבי יונה, נפטר בפתע פתאום ב' ניסן תשכ"א בדמי ימיו, בהיותו בשנת ארבעים ושש לחייו.

**יד.** עי' בספה"ק "שיחות הר"ן", מ"ג: "על ידי השמחה יכולין להחיות אדם אחר. כי יש בני אדם שיש להם יסורים גדולים ונוראים רחמנא לצלן ואי אפשר להם לספר מה שבלבם. **והם היו רוצים לספר אך אין להם בפני מי לספר ולהשיח עמו את כל אשר עם לבבם**. והם הולכים מלאים יסורים ודאגות, וכשבא אדם עם פנים שוחקות יכול להחיות אותם ממש, **ולהחיות אדם אינו דבר ריק כי הוא דבר גדול מאד**. וכמו שמובא בגמרא (תענית כב.): מהני תרי בדחי שזכו למה שזכו על ידי זה שהיו משמחים בני אדם".

הארץ צוזאמען, בפרט ווען עס איז מיט אַן אחדות, מיט אַן אהבת חברים - **דאס איז א געוואלד! א געוואלד! א געוואלדיגע זאך! דאס גאנצע יהדות איז תלוי אין דעם, דאס גאנצע יהדות!**

עס איז דא אזוי פיל צו רעדן וועגן דעם, עס איז גוט פאר 'דער' וועלט, און עס איז גוט פאר 'יענער' וועלט. דער אויבערשטער באצאלט אויף דער וועלט, 'וקל וחומר' אויף יענער וועלט - אין דעם ענין פון קנין המידות.

## גענומען רשות פון משה רבינו

עס איז דא א מורא'דיגע זאך: עס איז דא א ספר פון ר' בנימין הרופא - "ספר המידות" הייסט עס, דאכט זיך. ר' בנימין - א ראשון איז ער געווען. זיי האבן עס אפגעדרוקט היינט מיט מראה מקומות, דאכט דיך - אפשר צוויי טויזנט מראה מקומות. אויף וואס ער זאגט, ברענגט מען א מראה מקום: א מדרש, א חז"ל. מען זעהט אז ער איז געווען פון די ראשונים. - גראדע אויף דעם האבן זיי נישט קיין מראה מקום, אבער דאס איז זיכער א מדרש, דאס זאגט נישט אפילו א ראשון (מעצמו), זיכער איז דאס געווען א מדרש - מבהיל על הרעיון! [- דאס איז דאך דער ענין פון 'הדבק במידותיו' - במידותיו של הקב"ה].

- אלעמאל וואס איז דער טייטש: "**וידבר ה' אל משה לאמר**" - וואס איז דער ווארט 'לאמר'? 'לאמר' איז דער פשט: אז ער גיבט דיר רשות דאס צו זאגן. אז איינער זאגט דעם אנדערן א זאך, דארף מען האבן רשות עס אויסצוזאגן: 'לאמר' – לישראל. דאס איז דער פשט פון: "וידבר ה' אל משה לאמר" - לישראל.

- פרעגט ער די קשיא: ביי קבלת התורה - בשעת די אידן האבן געהערט בשפע נבואה, מען האט געהערט דעם אויבערשטן "**פנים אל פנים דיבר ה' עמכם**", שטייט: "**וידבר אלוקים את כל הדברים**

**האלה לאמר**"[טו] - וואס איז 'דער' לאמר? ער האט דאך שוין גערעדט צו די אידן? זאגט דער מדרש: אז דער אויבערשטער האט געוויזן א דרך ארץ[טז] -

- אז דער אויבערשטער איז נתגלה געווארן - אט דאס הייסט אז דער אויבערשטער איז געקומען. דער אויבערשטער איז דאך דא – 'היה הווה ויהיה', 'אתה הוא עד שלא נברא העולם ואתה הוא משנברא העולם'. (נאר) די התגלות רופט זיך: אז דער אויבערשטער איז געקומען! - הגם ער איז געווען אזוי ווי פריער די זעלבע זאך.

משה רבינו האט צוגעבראכט די אידן אין 49 טעג, מיט אלע כיסופין - צוברענגען פון מ"ט שערי טומאה צו 'פנים בפנים דיבר ה' עמכם' - דאס איז געווען נאר בכוחו של משה. (אינאמת'ן) וואלט עס געמוזט אזוי גיין מער מיט אונזער אתערותא דלתתא, (אזוי ווי היינט) וואס דווקא אין אזא שווערער דור וואס יעדעס שטיקל אמונה און יעדעס שטיקל קדושה און יעדער שמירת עינים און יעדער עבודה און יעדעס בלעטל גמרא - דאס איז די אתערותא דלתתא וואס פון דעם ווערט טאקע א פנים בפנים דיבר - טאקע מיט אונזער אתערותא, דאס איז מורא'דיג אין דער וועלט וואס קען זיין.

רש"י זאגט דאך מפורש: "**יִשָּׁקֵנִי מִנְּשִׁיקוֹת פִּיהוּ**"[יז] [די דיבורי ה' וואס דער אויבערשטער האט גערעדט מיט כלל ישראל, דאס רופט זיך 'נשיקות', מען איז אויסגעגאנגען מחמת נועם פון די דיבורים פון בורא עולם. ער ברענגט טאקע אראפ - דער ווילנער גאון[יח]: "מנשיקות" - צוויי. ווייל די זאכן האט מען געהערט פון אייבערשטן

---

**טו.** שמות כ, א.

**טז.** יתבאר בהמשך.

**יז.** שיר השירים א, ב.

**יח.** עי' מדרש רבה שיה"ש פר' א', פ' י"ג: "רבי יהושע בן לוי ורבנין רבי יהושע אומר ב' דברות שמעו ישראל מפי הקב"ה: "אנכי" ו"לא יהיה לך". הה"ד ישקני מנשיקות פיהו ולא כל הנשיקות". ועי' בספר הליקוטים על תהלים ס"ב: "וזמ"ש רז"ל אנכי

אליין: "אנכי" ו"לא יהיה לך" - דאס האט מען געהערט פונעם אויבערשטן אליין. 'מי יתן' עס זאל קומען נאכאמאל די צייט, אבער 'זאת התורה לא תהא מוחלפת']. זאגט רש"י: אז דער אויבערשטער וועט אונז מגלה זיין טעמיה וסוד טעמיה, דער נועם הפנימי פון דער תורה וועט מען נאכאמאל הערן פון בורא עולם, נישט קיין נייע תורה, אבער די סודות התורה!

רש"י זאגט אין שיר השירים - אויף די השתוקקות פון אידן (שאומרים:) **"רבונו של עולם, אונז ווילן האבן נאכמאמאל אזא התגלות!"** און דער התגלות וועט זיין טאקע – דווקא (דורך דעם) וואס מען דינט דעם אויבערשטן און מען איז נישט מורד במלכות שמים בתוך אזא מין הסתרה וואס איז דא - בפרט היינטיגע צייטן! קיין דור האט נישט געהאט די זכות זיך צו האלטן מיטן אויבערשטן און זוכה זיין למה שנזכה מיט קוים מעַט מעַט איידלקייט, מעַט נישט מורד זיין, ממש מעַט אמונה וואס דאס איז חשוב פארן אויבערשטן - **וואס ווען מען ווייסט ווי חשוב וואלט מען געטוהן טויזנט מאל אזויפיל ווי איצט.**

על-כל-פנים, א מורא'דיגע זאך, א געוואלדיגע זאך (- זאגט ר' בנימין הרופא:) וואס איז דער 'לאמר' - 'וידבר אלוקים את כל הדברים האלה לאמר'? (נאר) דער אויבערשטער האט געפרעגט רשות פון משה'ן: דו ביסט דאך דער מנהיג, דו גיבסט מיר רשות דאס צו זאגן? דו ביסט דאך דער מנהיג - דרך ארץ! דו ביסט דער מנהיג - דער מנהיג ישראל - און דא איז ער ערשט נתגלה געווארן. איז כלפי דעם אויבערשטן – פריער און שפעטער - איז נישט קיין חילוק, אבער ער איז (מצידינו) ערשט נתגלה געווארן - און ער גייט רעדן, און עס איז דא דער מנהיג, דארף ער פרעגן דעם מנהיג, ברשות דעם מנהיג. האט ער געפרעגט רשות פון משה'ן: דו גיבסט מיר רשות? האט ער געזאגט: יא! איז ער געגאנגען רעדן.

---

ולא יהיה לך מפי הגבורה שמענום. וזהו ישקני מנשיקות פיהו, מיעוט רבים שנים, והם הב' דברות.

דאס איז א מורא׳דיגע מידה – מידתו של הקב״ה, ענוותנותו של הקב״ה - דרך ארץ, מידות. האב איך געטראכט: פאר דעם איז טאקע זייער גוט: **"דרך ארץ קדמה לתורה"**[יט] - פאר דער תורה האט דער אויבערשטער געגעבן א שטארקע מידה פון דרך ארץ.[כ]

## ראטעווען א מענטש לעולמים!

מען קען מיט דעם אויפבויען איינער דעם צווייטן: (דורך) מכבד זיין יענעם, מוקיר זיין. מען דארף לערנען כדי יענעם צו געבן צו פארשטיין. אז מען הערט א גוטווארט, ווארט מען אויף אן עת רצון - א דבר בעתו, כדי מען זאל עס קענען יענעם אריינשיינען - וואס ׳הפלא ופלא׳, מען קען ראטעווען לעולמים - **מיט איין ווארט קען מען ראטעווען א מענטש לעולמים!** כל-שכן אז מען קען עס איבערגעבן על פי דרך החסידות: מען זיצט צוזאמען, מען עסט צוזאמען, מען זינגט צוזאמען, מען פארברענגט צוזאמען – עס איז אנדערע ווערטער! **אפילו די דברים בטלים וואס גייט על טהרת הקודש ווערט דאך נכלל**; דורך דעם האלט זיך יענער.

## אוואו איז דער טעם פון לעבן?

עס איז אראפ היינט א מורא׳דיגע מחלה - דאס "נישט האבן קיין שמחת החיים" וואס איז דא - דער בעל דבר האט געפינען דא א געוואלדיגע (דרך) וויאזוי צו מאכן אומגליקליך מענטשן - עס איז נישטא!

---

**יט.** עי׳ ויקרא רבה ט, ג.

**כ.** עיין בספר ׳כדת נפש משיבת׳ (מאמר דרך ארץ קדמה לתורה) וז״ל: וכמו ששמעתי בשם הרה״ק רבי שמחה בונים מפשיסחא זי״ע, שאמר בדרך צחות, דלפי מה שכתבו הפוסקים [עי׳ משנ״ב סי׳ ו׳ סקי״ב, ובסי׳ מ״ו סקכ״ט] שצריכים להסמיך ברכת ׳אלקי נשמה׳ ל׳אשר יצר׳, נמצא שמקדימים אותה ל׳ברכת התורה׳. והיינו "דרך ארץ קדמה לתורה", שקודם צריך האדם להודות להשי״ת על שהשיב לו את נשמתו [בברכת

איך האב געלערנט ביי ר' יודעלע'ן ע"ה[כא], ער איז געווען א מענטש וואס האט געוואוסט. ער האט מיר איין געזאגט - עס איז געווען נאך דער ערשטער וועלט מלחמה. דעמאלט איז נישט געווען קיין מלחמה אין אפאר טעג, דעמאלט איז געווען לכל הפחות זעקס יאר, און עס שטעלט זיך אפ אלע סחורה - שיפן האבן מורא צו פארן אויפן ים, מען האט מורא מען וועט אריינווארפן, (ס'געווען) א מורא'דיגע טומל.

---

א-להי נשמה שנתת בי] כפי שהוא מחויב ממידת דרך ארץ, ורק לאחר מכן מברך הוא על התורה.

**כא.** ה"ה **הגה"ק רבי יהודה** ב"ר אלטר יחזקאל אליהו **הורוויץ מדזיקוב זצ"ל** (ונקרא בפי כל ר' יהודה'לע דזיקובער), נולד י"ח אלול שנת תרס"ה בוויזשניץ לאביו הרה"ק רבי אלטר יחזקאל אליהו מדזיקוב זצ"ל, בנו וממלא מקומו של בעל עטרת יהושע מדזיקוב זצ"ל. אמו היתה בתו של האהבת ישראל זצ"ל, בשנת תרס"ט עברה המשפחה לדזיקוב, בשנות מלחמת העולם הראשונה נדדה משפחתו יחד עם משפחת האהבת ישראל זצ"ל לגרויסוואראדיין, לאחר המלחמה התיישב משפחתו בטארנוב, ושם למד אצל הגאון רבי מאיר אריק זצ"ל, בשנות העשרים נסמך להוראה על ידי הגה"צ אברהם מענדל שטיינבערג זצ"ל אב"ד ברודא, שהה בגרויסוואראדיין בביתו של זקינו האהבת ישראל מוויזשניץ זצ"ל, בל"ג בעומר תרצ"ו נתמנה לדיין בקלויזנבורג. בעת מלחמת העולם השניה כשבאו הגרמנים לאונגארן הועבר יחד עם שאר היהודים לגעטא בגרויסוואראדיין, ובדרך נס הצליח להימלט עם משפחת חותנו מהגעטא לראמעניע זמן קצר לפני שילוח למחנה אושוויץ, עם סיום מלחמת העולם השניה שב עם משפחת חותנו לגרויסוואראדיין, וכעבור זמן עלה עמהם לארץ ישראל, וסירב בכל התוקף להתנהג ברעביסטיווע, התגורר בירושלים ושימש כר"מ ומשפיע בישיבתו של מהרי"ץ דושינסקיא זצ"ל, התקרב להחזון איש זצ"ל וראה עצמו כתלמידו, וכתב הגהות על חיבורו על מקוואות. נהג לפני כל סעודה לבכות ולומר פרקי תהלים שלא להתגשם על ידי האכילה, היה קנאי בדעתו, ובהיותו בירושלים עיה"ק היקם "כולל תרביצא" ושם למד מורינו שליט"א לתקופת זמן, והרבה קיבל ממנו תורה וחסידות, בשנת תשמ"ה עבר להתגורר בלאנדאן, בשנותיו האחרונות נהג בשתיקה מוחלטת, נהג לכתוב הערות קצרות בגיליוני ספריו, ובעיקר כתב הערות על סדר השולחן ערוך, כתבי החתם סופר, מהרש"ם, החיד"א, ורבו רבי מאיר אריק, ולאחרונה הדפיסו מקצת דמקצת בספר "גליוני מהר"י", את כספי נדונייתו העניק לר' יוסף נפתלי שטערן ז"ל עבור הדפסת ספרי החתם סופר, הוא נהג לומר ש"החתם סופר מדבר אל לבי", נפטר י"א סיון שנת תשמ"ט לפ"ק, ומנוח"כ בבית החיים "עדת ישראל" בלאנדאן.

נאך די מלחמה - די שוסטערס האבן אנגעהויבן צו ארבעטן, די שניידערס האבן אנגעהויבן צו ארבעטן, (מ'האט געדארפט) אריינגיין צוריק אין שביל. האבן מבינים געזאגט: **'אוואו איז דאס חיות? א וואו איז דאס חיות?** דער שוסטער קלאפט נישט דעם שוכאלע מיט געשמאק, דער שלעפער שלעפט נישט דעם מאשין מיט דעם געשמאק - אוואו איז דער טעם פון לעבן? עס איז נישטא! אראפ א ירידה! אפילו דער ארבעטער אין טאג פון דער משכורת (- געהאלט) איז ער געווען פריליך, ער האט אפגעארבעט א חודש. עס איז נישטא די שמחה, דאס געלט האט נישט קיין טעם, וואס איז דאס? אראפ מיט דער שמחת החיים! א ירידה!

נאכמער - האט ער מיר אפילו געזאגט: **אז עס איז געווען א חילוק צווישן א מענטש וואס איז געבוירן פאר דער ערשטער וועלט מלחמה, צו א מענטש וואס איז געבוירן געווארן נאך דער ערשטער וועלט מלחמה** - אן אנדער מין מענטש: דער וואס איז געבוירן פאר דער ערשטער וועלט מלחמה - האט הנאה געהאט פון זיין לעבן, ער איז געווען פריליך, און אז ער האט געהאט א דאגה האט ער זיך אריינגעלייגט אין א אנדערע זאך און ווייטער געלעבט. דער צווייטער דור - איין דאגה'לע פארנעמט אים שוין דעם גאנצן קאפ - אינגאנצן, ער איז נישט מתַפקד (- פינקציאנירט נישט), (ער איז) אן אנדער סארט מענטש.

### הנאה געהאט פון א גלאז טיי...

מען זעהט טאקע, מיר האבן דא געקענט רבי לוי יצחק'ן ע"ה[כב]. דער איד האט הנאה געהאט פון א גלאז טיי, פשוטו כמשמעו! אז

---

**כב.** ה"ה **הגה"ח רבי לוי יצחק** ב"ר אברהם נח **בענדער זצ"ל**, נולד כ"ג סיון שנת תרנ"ז בגראדזיסק שבפולין, ובשנת תרע"ג עבר ללמוד בישיבת מאקעוו בפולין, והתמיד שם בלימודו באופן יוצא מן הכלל, ושם התקרב לדרך רביז"ל על ידי הרה"ח רבי יצחק קארקאווסקי זצ"ל, בשלהי שנת תרע"ד נתפרקה הישיבה ונסע לאומאן, ושם דבק עצמו ברבו המובהק הגה"ח רבי אברהם ב"ר נחמן מטולטשין זצ"ל, וקיבל

ער האט איינגעקויפט איז ער געווען אזוי פריילך - האט ער געקויפט שמן, און געקויפט קעז, ער האט אזוי ליב געהאט צו קויפן. ער האט געדאוונט מנחה, געזאגט קרבנות, געוואשן די הענט, געדאוונט מנחה - **ער האט הנאה געהאט פון א מנחה!** ער פלעגט מחבר זיין 'יום ולילה' מיט תורה, מחבר זיין דעם אנהויב נאכט מיט תורה[כג]. דער שולחן ערוך - געווען א איד וואס האט געלערנט שולחן ערוך מיט הנאה, **ער האט געהאט א חיות אין דעם, א חיות אין לעבן.**

זאגט ער (רבי יודעלע): דער בעל דבר האט צוגענומען דיין טעם און דיין חיות - נישטא קיין חיות! ער וואלט הנאה געהאט צו כאפן זיך א זופ ברוינפן...

ער האט געזאגט: רוב סטודענטן אין אמעריקע ליגן אין סַמים... א שרעקליכע זאך - נישטא קיין חיות אין לעבן, און ממילא געפינט דער בעל דבר א פלאץ צו פאנגען. **און דערפאר איז א געוואלדיגע מצוה - מען איז מחיה יענעם, גייט עס אריין אין זיך אויך**; אליין איז שווער זיך צו מחיה זיין – (כאטש) יענעם מחיה זיין![כד] אז דער

---

ממנו הרבה תורה ועבודה במשנת רביז"ל ותלמידיו, ושימש שם כש"ץ בקיבוץ ר"ה כ"א שנים, בעת מלחמת העולם השניה ברח לטאשקענט, ובשנת תש"ו התחיל מסעו לארץ ישראל, ותחילה הגיע למחנה באד-רייכנהאל ושם שהה למעלה משנתיים, ושם כיהן כדיין בבי"ד וטיפל בשאלות העגונות, והקים מקוואות טהרה ועוד, בתחילת שנת תש"ט עלה לאר"י ומאז ועד יומו האחרון היה דולה ומשקה תורה ועבודה ובעיקר מה שקיבל מרבי אברהם ר' נחמן'ס, ושימש כגבאי וש"ץ בה'שול' שבמאה שערים מבלי לנטות ימין ושמאל, הכל בדרך הישר והרצוי כראוי לביהמ"ד הנקרא על שם הצדיק, דיבוריו נדפסו בכמה ספרים, ולאחרונה הוקם באר"ב מכון 'טעם זקנים' שעורכים הדיבורים באופן נאה ומקובל, נסתלק כ"ב תמוז תשמ"ט לפ"ק, ומנו"כ בהר הזיתים שבירושלים עיה"ק תובב"א.

**כג.** עי' מג"א על או"ח סי' א', סעיף קטן א': "שיהא הוא מעורר השחר". **בשל"ה כתוב סוד לחבר יום ולילה בתורה או בתפילה הן בבוקר הן בערב.**

**כד.** עי' בספה"ק "שיחות הר"ן" ק"כ: "ויותר ויותר מזה צריך כל אחד ואחד לחזק את חבירו לבל יפול בדעתו משום דבר שבעולם. ואפילו אם הוא יודע בעצמו שהוא

אויבערשטער העלפט - דו בויעסט יענעם, וועט דער אויבערשטער דיר בויען; דו טוהסט א חסד יענעם, דו ביזט יענעם מחיה - וועט דער אויבערשטער דיר אויפבויען.

## די סטראטעגיע פון דעם היינטיגן בעל דבר

עס איז דא א ווארט פון בעל שם – דער בעל שם האט געזאגט - [מיר גלייבן אין דיבורי הצדיק, מען האט דאך נעכטן גערעדט טאקע, איך האב טאקע געוואלט ממשיך זיין אביסל, אפשר וועט מען באלד אויך דערמאנען די זאך - דאס ענין פון די אמונה הקדושה אליין, דער טעם פון די אלטע אמונה. אז מען האט אמאל גערעדט פון אמונה האט מען געוויינט... עס איז דאך היינט נישטא].

דער בעל שם זאגט מפורש: **"אמונה הוא הדביקות!"**[כה] די אמונה פלעגט ברענגען אהבה, די אמונה פלעגט ברענגען דביקות! די אמונה האט געבראכט א 'נועם' – דאס איז געווען די אמונה הקדושה. דער דור המבול האט געברענגט א השחתה - דער רבי זאגט: **"הפשע מכניס כפירה באדם"**[כו] – וואס דאס האט פארסמ'ט די לופט, אפגעטעמפט די לופט, צוגענומען דאס חיות פון דעם לעבן; אז מען גיט היינט אַן אטעם, האט מען אפיקורסות מיט שמוץ, אזוי קוקט מען אויס.

(אבער) ברוך ה', **"מי כעמך ישראל" - אז מען האלט זיך מיטן אויבערשטן אין אזא מין הסתרה!**

---

כמו שהוא אף על פי כן יחזק את חבירו **כי את חבירו בקל יותר לחזק מלחזק את עצמו**, כי אין חבוש מתיר את עצמו (ברכות ה:), כי אין רעה גדולה מנפילה", עייעו"ש.

**כה.** עי' בספה"ק תולדות יעקב יוסף - פרשת עקב, אות א': **"האמֻנה בו יתברך הוא הדביקה, והוא תכלית השלימות**, וכמ"ש המפרש להרמב"ם (בפ"ב מהל' יסוה"ת), שלא ניתנו כל המצות, אלא כדי שנגיע בהם לזו המדריגה ובחרת בחיים למען תחיה לאהבה את ה' וכו' עכ"ל". (מובא שם בספרו כמה פעמים בשם מו"ר הבעש"ט זצ"ל).

**כו.** ספר המידות ערך 'אמונה', אות כ"ב.

- אבער דער בעל שם[כז] זאגט – א ווארט פון בעל שם: אמאל האט דער בעל דבר משחד געווען א מענטש מיט 'דער' וועלט; ער האט אים געגעבן 'דער' וועלט, און ער האט אים אוועקגע'פטר'ט דאס נצחיות זיינעם פון יענער וועלט - דאס איז געווען אמאל דער דרך פונעם בעל דבר. היינט, זאגט דער בעל שם, **איז ער אים משחד מיט 'דער' וועלט, און ער נעמט אים צו דערנאך 'דער' וועלט מיט 'יענער' וועלט** - אזוי זאגט דער בעל שם טוב. ער איז נאר משחד, און נאכער כאפט ער - אז ער האט ביידע נישט; ארויסגיין קען ער שוין נישט - ער איז שוין אין א מצודה - און שוין, אזוי פירט ער זיך היינט[כח].

דאס איז א ריינער דיבור פונעם בעל שם - פון ספר "בעל שם טוב" - על התורה. ער ברענגט דארט נאך פון ספרים פון תלמידי בעל שם און פון תלמידי המגיד. ער באציהט זיך טאקע צו אזא

---

**כז.** עי' בספה"ק בעל שם טוב על התורה פר' בראשית אות קמ"ד: **"שמעתי כי לשעבר היה היצר הרע רק לדחותו מעולם הבא, מה שאין כן עתה, נתחכם לדחות את האדם מעולם הזה ומעולם הבא**, כגון טרדת הפרנסה אשר יומם ולילה לא ישקוט, ואין לו מנוחה בעולם הזה, ומכל שכן שאין לו פנאי לפקח בעניני עולם הבא ונדחה משניהם וכו'". (מתוך ספה"ק "תולדות יעקב יוסף" פר' נח דף י"ג ע"ב)

**כח.** עיין באוסף אמרים (קדושה וטהרה מאמר א') מה שמורינו שליט"א מוסיף על מאמר זה, וז"ל: ישנו כלל ברזל בענין זה של קדושה ושמירת הברית. כי הנה יש מידה רעה ומגונה של אכזריות ונקמה, אמנם היא מידה רעה, אך יש ודוקא ע"י מידה זו יתכן להיות שומר הברית.

בתורה הקדושה יש לימודים שיש זמנים כאלה שאי אפשר להכניע ולנצח את היצר הרע רק ע"י רציחה ואכזריות ללא רחם. וכמו שמביא רביה"ק (ליקו"מ ח"ב סי' ח', ב') מהפסוק (משלי י"ב י') **"ורחמי רשעים אכזרי"**, שהסטרא אחרא באה ורוצה כביכול לרחם עליך, אבל בזה טמונה האכזריות במלוא עוזה, היא רוצה לעשות אותם אומלל לעולמי עד ולנצח נצחים, וליטול ממך את שני העולמות, העולם הזה והעולם הבא. **ומהבעש"ט מובא, כי בעבר היה היצר הרע משחד את העולם בתתו לו 'עולם הזה' ונוטל ממנו את ה'עולם הבא', ואילו כהיום הזה הוא משחד את האדם בעולם הזה ונוטל ממנו את 'שני העולמות' גם יחד.**

וכן כשהיצה"ר בא ברחמניות שבאמת הוא כולו אכזריות צריך לעמוד כנגדו במידת האכזריות, כי יש ואי אפשר בשום דרך אחרת ללחום כנגדו ולהכניעו.

המשך פון טשעהרינער רב. דער טשעהרינער רב האט דאך געמאכט דעם "דרך חסידים" "לשון חסידים". אבער ער אליין - שרייבט דער טשעהרינער רב, אז ער האט נישט אלע ספרים. האט ער (המו"ל של ספר "בעל שם טוב") זאגט: איך האב מער ספרים פון אים – בין איך עס משלים[כט]. על-כל-פנים, ברענגט ער אראפ דארט דער שיחה פון בעל שם. א מורא'דיגע זאך – א דיבור פון בעל שם טוב.

### ווער נעמט מיר צו דאס געזונט?!

דער אויבערשטער זאל העלפן טאקע - דאס אליין זאל דער אויבערשטער אונז העלפן, אז מען זאל שפירן א נועם אין די אמונה הקדושה! **וואס האט א נברא אָן דעם בורא? וואס האט א נברא אָן דעם בורא?!** א חלום! ממש א חלום, דאס גאנצער לעבן איז א חלום! אפגעריסן! א נברא אָן א בורא איז גארנישט ווערד, גארנישט ווערד![ל] **"אָכוֹל וְשָׁתוֹ כִּי מָחָר נָמוּת"**[לא], עס איז גארנישט – ממש! אַן אפגענארטן לעבן. דער וואס לעבט מיט דעם בורא - איז דאך א חיות! (כי יודע) אלעס וואס גייט איבער אויף א מענטש איז דאך אלץ פון דעם בורא!

---

**כט.** עי' בהקדמה לספה"ק "בעל שם טוב – על התורה" של בעל המו"ל, מש"ש: "גם הרב **"לשון חסידים"** ו**"דרך חסידים"** הניח הרבה מאמרים שלא העתיק, כמו שכתב בהקדמתו בעצמו ...ועל כל אלה לא נתעורר עדיין שום אחד להדפיס פירושים על דברי הבעש"ט, אמנם שבזמנינו וכו', עיי"ש.

**ל.** עי' בספה"ק שיחות הר"ן נ"ג: "מי שיש לו אמונה חייו חיים והוא מבלה ימי חייו בטוב תמיד. כי כשהולך לו כראוי ויש לו טוב בוודאי טוב לו. ואפילו כשאינו כך (דהיינו שאין מתנהג לו כסדר ויש לו יסורין ח"ו) גם כן טוב, כי הוא בטוח שאף על פי כן השי"ת ירחם עליו להבא וייטיב אחריתו. כי מאחר שהכל מאתו יתברך בוודאי הכל לטובה. **אבל מי שאין לו אמונה חס ושלום חייו אינם חיים כלל** כי תיכף כשעובר עליו איזה רעה שוב אין לו שום חיות, כי אין לו במה לנחם עצמו כלל מאחר שאין לו אמונה כלל, ואין לו שום חיות ושום טוב מאחר שהולך בלי השם יתברך ובלי השגחה רחמנא לצלן. אבל על ידי אמונה מה טוב ויפה החיות שלו כנ"ל".

**לא.** ישעי' כב, יג.

דער הייליגער רבי האט אמאל געהאט שטארקע יסורים אויף די לונגען, האט ער געזאגט: **ווער גיבט דאס מיר? דער אויבערשטער!** דער אויבערשטער גיבט דאך דאס א מענטש, און אז דער אויבערשטער טוט דאס - איז ער דאך נאנט מיט דעם צום אויבערשטן. דער רבונו של עולם טוהט עס! איך בין נאנט צו דיר! (כשאדם מתבונן:) וואס? - דו טוהסט עס מיר? דו ווייסט דאך וואס דו טוהסט! - מיט דעם אליין ביסטו דאך נאנט צום אויבערשטן![לב]

דער אויבערשטער זאל העלפן מען זאל זיך מחזק זיין, מעודד זיין, און מצליח זיין, ברוחניות ובגשמיות, און מען זאל 'זיך' בויען, און אנדערע בויען, עס זאל זיין "בָּנָיִךְ" מיט "בּוֹנָיִךְ"...

---

**לב.** עי' בספה"ק שיחות הר"ן, קצ"ד: אמר, אחר כל היסורים, אף על פי כן השם יתברך מטיב עמנו. רק שאין אנו רוצים להקטין את היסורים. וגם באמת בוודאי אינם יסורים קטנים, אבל נגד דביקות אחד להשם יתברך מה שזוכין לאיזה בחינה של דביקות במחשבה או בבחינה אחרת - כל היסורים אינם כלום נגד זה, ועל ידם בעצמם מתקרבים ומתדבקים אליו יתברך. כי נוטלין ממני הבריאות גופי, **מי נוטל ממני הבריאות? השם יתברך! אם כן אני נדבק בו יתברך! וכן כשלוקח חס ושלום איזה בן - מי לוקח? השם יתברך!** אם כן אדרבא עתה הוא סמוך יותר אליו יתברך, כי בעולם הבא סמוכין יותר להשם יתברך!".

# ברכת התורה

לכבוד הני נדיבים בעם,
שמרוב טוב לבם נטלו חלק יפה,
בהוצאת המרובים

מוה"ר **בעריש קויפמאן** נ"י

מוה"ר **אברהם שמען קויפמאן** נ"י

מוה"ר **יוסף מרדכי כהנא** נ"י

מוה"ר **דוד נח גוטמאן** נ"י

ויה"ר מן קדם אבוהון דבשמיא,
דזכות זה יעמוד להם ולזרעם עד עולם,
עם רוב תענוג ונחת כל הימים

# יאמץ לבך

(מען דארף) האבן שאיפות: ווען וועל איך האבן ריכטיגע שמירת הברית, רצונות אויף שמירת הברית, וויסן אַ ווי גרויס איז רצונות, רצונות?!

איך זאג אלעמאל: מען דארף זיך נישט שרעקן אז מען האט אַ יצר הרע! דאס האבן א יצר הרע איז נישט קיין פגם הברית, (נאר) דאס איז כדי מען זאל אים נישט פאלגן. דאס נישט פאלגן – דאס איז די גרעסטע הַמְלָכָה! דאס איז די גרעסטע הַמְלָכָה!

עס איז מיר איינגעפאלן א געוואלדיגע זאך: **"אפילו נחש כרוך על עקביו לא יפסיק"** – אפילו דער יצר הרע ברענט ווי א פייער – **לא יפסיק! לערן, דאוון, רעד צום אויבערשטן! דאס האבן א יצר הרע איז נישט קיין פגם, דער עיקר איז, דאס נישט פאלגן דעם יצר הרע!** מען זאל זיך מסיח דעת זיין אין תורה, אין תפילה, אין עבודה, ביז דער יצר הרע גייט פאריבער!

(הכנה לשבועות שנת תשע"ב לפ"ק)